# THE SHEPHERD OF ISRAEL

PUBLISHED MONTHLY TO GIVE ISRAEL A KNOWLEDGE OF THE TRUE SHEPHERD, THE MESSIAH

אני הוא הרעה הטוב יוחנן 10-11

# רועה ישראל

והקמתי עליהם רעה אחד יחזקאל לד 23

א מאנאט'ס בלאט צו ערקלעהרען צו ישראל דעם אמת'דיגען משיח

Subscription Price
50 Cents A Year

Published Monthly by the Williamsburgh Mission to the Jews
27 Throop Avenue, Brooklyn, N. Y.

NOVEMBER 1922
VOL. III, No. 3


## די געוואלטיגע צערעמאָני אין ירושלים

די בעשרייבונג ווי אזוי "סער הערבערט סעמיועל" איז איינגעשוואוירען געווארען אין ירושלים, איז מערקווירדיג:־

די ירושלים'ער קארעספאנדענטען שרייבענדיג צו זייערע פערשיעדענע רעדאקטארס אין אמעריקא ווי אויך אין איראפא, האבען אנגעפילט זייער פען מיט אן אונגעהייערען ענטהוזיאזמוס, יובעלען און פראהלאקען אין אזא גרויסער מאס, אז זייערע שילדערונגען האבען אויפגעהויבען איינעגע אידיישע הערצער מיט פרייד און דאנקבארקייט צו גאט פאר דיעזען גרויסען וואונדער אין דער אידישער געשיכטע. דאס גרעסטע וואונדער זייט דעם צווייטען חורבן.

זיי שרייבען אין טהייל:־

"דער אידישער נ צ י ב (היי קאמישיאנער) איז געשטאנען צווישען הר הזיתים און הר הצופים אנגעטהון אפיציעל אין שווארצען אויסגענעהט מיט גאלד און בעציערט מיט פיעלע דעקאראציעס. איין ברייטען בלויען באנד אויף'ן ברוסט און גאלדענע שפאנגען אויף די לענדען. פון ביידע זייטען זיינען געשטאנען "לארד אלענבי" דער ענגלענדער, און "עמיר אבדאלאה" דער אראבער מיט אלע הויכע בעאמטע און פערשיעדענע ווירדענטרעגער......"

דיעזע און פיעלע אנדערע בעשרייבונגען זיינען עפעס אזוי גראפיש און אזוי רעאל אז פאר'ן לעזער שטעלט זיך פאר דאס גאנצע בילד פון'ם אידישען נציב אין זיין גרויסער פראכט און הערליכקייט אזוי ווי מ'וואלט כמעט געקענט בידים אנטאפען דעם גרויסען כבוד של ישראל וואס דיעזע עראייגניס האט געברענגט.

איינעגע רעדאקטארס האבען דיעזע שרייבער שנעל אויפגעכאפט און צושמירט אויף טעלערלעך צו זייערע לעזער. "אט זעהט איהר ־־ שרייבען איינעגע רעדאקטארס ־־ דאס איז א דערנעהנטערונג פון די טריט פון דער ערלעזונג. עפעס גרויסעס האט פאסירט אין דער אידישער געשיכטע, וואס פאר א זכיה די אידען פון ירושלים האבען געהאט צו־צוזעהן דאס איינשווערען פון'ם אידישען שטאטהאלטער! א פאסירונג וועלכעס שטייגט אריבער אלעם זייט די חשמונאים"......

איצט וויל מיר אונזערע ווערטהע לעזערס אויפמערקזאמקייט ציהען צו א וואונדערפאלען עראייגניס אין דער געשיכטע פון'ם אויפבויען דאס צווייטע ביהמ"ק דורך עזרא און נחמיה. מיר לעזען אין עזרא ג':

"פיעלע פון די אלטע כהנים און לוים וואס האבען געזעהן מיט זייערע אויגען דאס ערשטע ביהמ"ק און די גרונדלעגונג פון דעם דאזיגען הויז האבען זיי געוויינט מיט א גרויס קול, און אנדערע האבען געשאלט מיט שמחה. און דאס פאלק האט ניט דערקענט צווישען דעם שאל פון פרייד און דעם קול פון געוויין, ווארין דאס פאלק האט אזוי הויך געשריגען אז זייער קול איז געהערט געווארען פון דערווייטען".

די ווארשיינליכקייט פון דער אורזאך פארוואס יענע האבען זיך געפרייהט אין דער צייט ווען אנדערע האבען גאר געוויינט, ליגט אין דעם מאראלישען טעמפעראמענט פון יענע צוויי צדדים. די כהנים, די לוים און די זקנים האבען געהאט אן עדעלעם געפיהל א מאראלישע דענקונגס־קראפט, א גייסטיגע צוגעבונדענקייט צו דער הייליגע שכינה. האבען זיי זיך ניט געקענט פרייען מיט אזאלכע קלייניגקייטען, ווייל ביים ערשטען ביהמ'ק האט גאט ב"ה דארט געוואוינט, און זייא האבען טאקע ב א מ ת דארט געזעהן דעם התגלות אלהים, און ביים צווייטען ביהמ"ק איז דאס שוין ניט געוועזען. נו מיט וואס האבען זיי זיך דען געקענט פרייען מיט די שטיינער און מיט'ן האלץ? די אנדערע האבען אבער ניט געהאט די עדעלע געפיהלען, זיי זיינען געוועזען מגושם'דיג און דערפאר האבען זיי זיך געפרייהט מיט דברים גשמיים ווי דיא פאר שטיינער וואס מ'האט שוין געלעגט אלס א פונדאמענט פאר'ן צווייטען ביהמ"ק . גאט ב"ה אליין האט אויך דאסזעלבע ערקלערט צו זרובבל און יהוצדק כהן גדול, נעהמליך, "הלוא כמהו כאין בעיניכם" ד'ה, כמעט אזוי וויא גאר ניט. (הגי ב)

יענע עפיסאדע פון עזרא'ס צייטען איז פיעל עהנליך צו דער איצטיגער פאסירונג בנוגע די שמחה פון איינעגע אידען איבער דער איינשווערונג פון דעם היי קאמישיאנער, און וואס אנבעטרעפט אונז גלויביגע אין ישוע המשיח.

מיר נעדענקען גוט יענע עפאכע ווען אונזער הייליגער משיח איז געקומען אויף דיעזער וועלט מיט צירקא 70 יאר פאר'ן חורבן בית שני, ווען די מלאכים פון'ם הימעל האבען אראב גענידערט און לכבוד איהם געזונגען שירות ותשבחות. יא, ווען אפילו די שטערען פון הימעל זיינען אויפגערודערט געווארען און געשיינט מיט שטראלענדע ליכטער צוליעב זיין עהרע (מתתיהו ב. לוקס ב') און שפעטער־היין וואו דער הייליגער משיח האט געטרעטען אין ירושלים און אין גליל האט פשוט די געטליכקייט זעלבסט געטרעטען. ווען ער האט אנגעריהרט א קראנקען איז דאס געוועזען די בעריהרונג פון'ם בורא עולם זעלבסט, והא ראיה, זיין בעריהרונג האט געברענגט צו די קראנקע, א רפואה שלימה, צו די געבוירען־בלינדע האט עס געברענגט דאס ליכט פון זעהן. זיין ווארט האט אפילו טויטע פון די קברים אויפגעוועקט! אט דאס איז געוועזען א כבוד פאר ישראל. איצטער ווען מיר פערגלייכען דאס צו דעם כבוד ישראל דורך'ן היי קאמישיאנער מיט וועלכען מאנכע אידען פרייען זיך אזוי שטארק, גליסט זיך אונז דאריבער צו וויינען. האט דען יענע איינשווערונג פון'ם נציב שוין טאקע געברענגט דען כבוד ישראל אז מ'זאל זיך קענען דערמיט אזוי פרייען?

דאס אידיישע תנ"ך וועלכעס איז דיקטירט געווארען צו די נביאים פון גאט ב"ה זעלבסט, זעהט פאראויס גאנץ אנדער־ארטיגע שמחות פיר אידען. ניט א מאכט פון ענגלאנד נייערט די מאכט פון'ם "אל עליון" דורך'ן הייליגען משיח וועט שיצען די אידען. ניט דורך א שווערד, נייערט דורך'ן גייסט גאטעס! "לא בחיל ולא בכח כי אם ברוחי אמר ד' צבאות".

מיר גלויביגע אין ישוע המשיח שרייען און וועקען די פאלקס־נשמה פון אונזערע אידישע ברידער צוריק צובליקען מיט אמונה צו דעם איינמאל שוין געקומענעם משיח מיט דער הערליכער פראכט, און קאנצענטרירען זייער גאנצען בטחון צו זיין צווייטען קומען וועלכער וועט רעגירען איבער דער גאנצער וועלט מיט צדקה ומשפט: "הן לצדק ימלך מלך". (ישעיה ל"ב) "והכה ארץ בשבט פיו וברוח שפתיו ימית רשע". (ישעיה י"א, 4.)

ליידער הערען אבער אונז אונזערע ברידער ניט צו, ווייל זיי מאכען א צו־גרויסען ליארם מיט די גשמיות'דיגע קלייניגקייטען. די צייט וועט אבער באלד קומען ווען יעדעס אידישע הערץ וואס שטאמט

Entered as second class matter April 14, 1922 at the Post Office at Brooklyn, N. Y. under the Act of March 3, 1879.